די אַרבעט, וואָס אונזערע ברידער אין אייראָפּע קאָנען איצט נישט טאָן. יעטוועדער יידישער קיבוץ, ווי קליין ער זאָל נישט זיין און וווּ ער זאָל זיך נישט געפינען, דאַרף פאָרזעצן דעם קאַמף און די אַרבעט פאַרן קיום פון אונזער פאָלק און אונזער קולטור. יעטוועדער יידישער קיבוץ דאַרף אויף זיך קוקן פון אַ ברייטערער נאַציאָנאַלער פּערספּעקטיוו און באַהאַנדלען זיינע נויטן און פּראָבלעמען אין ליכט פון די געשעענישן אינם יידישן לעבן איבער גאָר דער וועלט.

מיטן אַרויסגעבן דעם צווייטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך מיינט די „קדימה”, אַז זי גייט אויפן אויבן־אָנגעצייכנטן וועג. מיר מיינען אויך, אַז מיר גיבן דעם לייענער אַ באַגריף וועגן דעם לעבן און ווירקן פון דעם אויסטראַליש־יידישן קיבוץ און ברענגען צום אויסדרוק פון אַן אויסגעברייטערטן אַלגעמיין־יידישן קוקווינקל די פּראָבלעמען, וואָס וואַקסן אַרויס פון די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פון דעם יידישן לעבן אין אויסטראַליע.

מיר האָבן זיך תחילת געשטעלט ברייטערע אויפגאַבן. מיר אָנערקענען, אַז אין אַלמאַנאַך פעלן נאָך געוויסע ערנסטע אַרבעטן. אָבער . . . אַ גאַנצער טויז צו־גוטע פאַרענטפערונגען וועט נישט ענדערן די לאַגע. דעריבער, ליבע לייענער, נעמט אים אויף, דעם אַלמאַנאַך, אַזוי ווי ער איז, און נעמט אים אויף אַזוי ווי ער פאַרדינט. און נאָט אייך גלייך אונזער באַהאַלטענע מחשבה: מיר ווינטשן זיך, איר זאָלט גיך אויסשעפּן די 600־עקזעמפּלאַרן־אויפלאַגע און געבן אונז חשק צוצוטרעטן אַרויסצוגעבן אַן אַלמאַנאַך — כאָטשבי יעדעס יאָר.

רעדאַקציע־קאָלעגיע

מעלבורן, דעצעמבער, 1942.



# די „קדימה”

פון

## ב. וואַרשאַווסקי

בלויז איין גענויע דאַטע פאַרמאָגן מיר: דעם 26טן דעצעמבער, 1911, איז געגרינדעט געוואָרן די „יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה”.

די גרינדער און ערשטע אויפהאַלטער פון דער אינסטיטוציע האָבן געהאַט אַ האַרט און שווער לעבן ביים שטעלן די ערשטע טריט אין זייער נייער היים, מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק. נישט געווען נישט קיין צייט, נישט קיין געדולד און נישט דער פאַסיקער מענטש איינצופירן באַלד פון אָנהויב־אָן אַ פּנקס, אַ פּראָטאָקאָל־בוך און אָפּהיטן דאָקומענטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אינסטיטוציע, וואָס זיי האָבן געשאַפן.

וואָרום, אין דער אמתן, צי האָט דען דעמאָלט געקאָנט עמיצן איינפאַלן, אַז אין דרייסיק יאָר אַרום וועט די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון „צווייטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך” אַזוי נויטיק האָבן די דאָזיקע מאַטעריאַלן? צו זייער גייסטיקן ערשטלינג האָבן די „קדימה”־גרינדער געהאַט יענע געזונטע און פּרימיטיווע באַציאונג פון אונזערע זיידעס צו זייערס אַ ניי־געבוירן קינד — אויף אַ פאָדער־בלאַט פון אַ גמרא פאַרשריבן די דאַטע לויטן לוח, און זאָל זיך דאָס קינד כאָווען און וואַקסן.

בנוגע די ערשטע צען־פופצן יאָר פון דער „קדימה”־עקזיסטענץ האָבן מיר זיך געשטיצט דער עיקר אויף די צוויי־

וועבנטלעכע באַריכטן אין דער היגער ענגליש-יידישער צייטונג "Jewish Herald" וועלכע מיר האָבן באַקומען אין דער היגער עפנטלעכער ביבליאָטעק. נעבן די באַריכטן פון „דזשואיש העראַלד", זענען שוין פון אַ געוויסן ווערט די ערשטע פינף (מער איז פון יענער צייט נישט בנמצא) געדרוקטע יאָר-באַריכטן. קיין יידישער זאַץ-שריפט איז נאָך דעמאָלט אין אויסטראַליע נישט געווען, זענען זיי דערביבער בלויז אין ענגליש.

פון 1927-28 זענען שוין פאַראַן פּראָטאָקאָלן אין ענגליש, שפּעטער-צו אויך אין יידיש. פון 1930 רעדט זיך שוין פיל וועגן דער „קדימה" אין דער היגער וואָכן-צייטונג אויף יידיש „אויסטראַליער לעבן" (רעדאַקטאָר פּנחס גאָלדהאַר) און, ווייטער, אין „די אויסטראַלישע יידישע נייעס", וואָס דערשיינט אַלס וואָכנבלאַט ביזן היינטיקן טאָג.

* * *

פיל פון די יידישע עמיגראַנטן פון פּוילן און רוסלאַנד, נישט-לאַנג אָנגעקומענע, האָבן נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטאָן, ממש נישט געהאַט וואוהין צו גיין אין זייער פרייער צייט.

אין די ערטער, פונוואַנען זיי קומען און פונוואַנען די צאַרישע רדיפות האָבן זיי געצוווּנגען צו עמיגרירן, זענען געווען חברות, קלובן, געהיימע פּאָליטישע קרייזלעך, אין וועלכע מ'האָט זיך אויסגעלעבט. דאָ, אין אויסטראַליע, אין מעלבורן, זענען דערווייל פאַראַן בלויז אַ צוויי-דריי „קאָנגרעגיישנס", מנינים, ווו מ'טרעפט זיך אין אַ שבת אָדער יום-טוב. מ'טרעפט זיך אויך אין די יידישע באָרדינג-הייזער, ווו מ'קומט אָפּעסן אַ ביליקן מאָלצייט נאָך אַ שווערן טאָג האָרעוואַניע.

די רעליגיעזע יידישקייט אַליין באַפרידיקט נישט מער די יונגע עמיגראַנטן. זיי זענען שוין מער וועלטלעך, און אין באַגריף „יידישקייט" לייגן זיי אַריין טיילווייז אויך אַן אַנדערן אינהאַלט. דאָס קיבעצן אין באָרדינג-הויז פילט ווייט נישט אויס דעם בלויז. עס באַדאַרף געשאַפן ווערן אַן אָרט — אַ קולטור-היים, ווו מ'זאָל זיך קענען יידיש אויסלעבן.





דאָס באַוועגט די ענערגישערע פון צווישן זיי, די איניציאַטיוו-פולערע, צו וואַרפן דעם געדאַנק וועגן שאַפן אַן אייגענע יידישע ביבליאָטעק. זיי פאַראינטערעסירן מיט זייער פּלאַן אַן אַנדערטהאַלבן מנינים יידן. עס איז אינמיטן פון 1911. פון פאָרמולירן אַ ווונטש ביז פאַרווירקלעכן אים, נעמט אַ צייט פון אַ פּאָר חדשים. ביז אין די הייסע טעג פון אויסטראַלישן זומער, אין די „האָלידיי"-טעג פון „קריסמעס" און ניי-יאָר, ווען געשעפטן זענען געשלאָסן און אויך דאָס „האָקן" (פּעדלען) שטעלט זיך צייטווייליק אָפּ — דעמאָלט ווערט אָפיציעל געגרינדעט די „קדימה". דעם 26טן דעצעמבער, 1911, ווערט געגרינדעט דעם „בית ספרים עברי לאומי „קדימה". פערצן מיטגלידער ציילט די ניי-געשאַפענע אינסטיטוציע בעת איר אַנטשטייאונג.

אָבער שוין דעם 7טן יאַנואַר, 1912, קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג אין Oddfellow's Hall אויף ראַסעל סטריט, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך אַכציק מאַן. עס ווערט אויסגעוויילט אַן עקזעקוטיווו אין באַשטאַנד פון: י. ראַבלין — פּרעזידענט, א. סטאָן — וויצע-פּרעזידענט, מרס. י. קירסנער — קאַסיר, וו. טעפּט — האָנ. סעקרעטאַר. אין קאָמיטעט גייען אַריין: מרס. י. ראַבלין, א. סאָלאָמאָנאָוו, ה. הויזי, י. קאַץ, מ. טעפּט, נ. מאַשין, א. האַלפּערין, ס. פּרעסס, י. הורוויץ און א. ניומאַרק.

אויף דערזעלביקער פאַרזאַמלונג ווערט אויך באַשלאָסן צו אַבאָנירן 7 יידישע, 5 העברעאישע, 1 רוסישע, 1 דייטשע און 4 ענגלישע צייטונגען און זשורנאַלן. דער פּרעזידענט, ראַבלין, דערקלערט, אַז ער שטעלט זיך פאָר, אַז די הויפּט-אויפגאַבעס פון דער „קדימה" דאַרפן זיין: 1) אויפלעבן העברעאיש און 2) לערנען ענגליש.

די אינסטיטוציע איז נאָך זייער אָרעם און קען זיך נאָך נישט דערלויבן צו קויפן ביכער פאַר אייגן געלט. די ערשטע מתנות, וואָס זי קריגט זענען ענגלישע ביכער און אַן אייל-בילד פון דר. הערצל, געמאָלט דורך א. ניומאַרק.

אין אַפּריל, 1912, קומט פאָר אַן אַלגעמיינע מיטגלידער-פאַרזאַמלונג. די מיטגלידער-צאָל דערגרייכט שוין דעמאָלט ביז

99. מען זעט באַשיימפּערלעך, אַז די „קדימה" וואַקסט סיי אין צאָל און סיי אין פאַרנעם. געוויסע טיילן פון יידישן ישוב אין מעלבורן איז דאָס נישט צום האַרצן. אין „דזשואיש העראַלד" באַווייזן זיך אַלץ אָפטער אָנפאַלן אויף דער „קדימה" און אויף די „פרעמדע יידן" מצד דער חברה „אנשי ברית". דאָס שרעקט אָבער נישט אָפּ די ענטוזיאַסטישע פּיאָנערן פון דער „קדימה" און זיי גייען־אָן ווייטער מיט זייער אַרבעט. די ריכטונג פון דער דעמאָלטיקער „קדימה" איז אַ פּראָגרעסיוו־ציוניסטישע. אָבער די אינערלעכע אַרבעט, ווען זי ווערט נישט געפירט אין ענגליש (כדי „צו לערנען ענגליש"), ווערט זי געפירט אין יידיש. אפילו די אַגיטאַציע פאַר העברעאיש קומט פאָר אין יידיש. אין מאַי, 1912, קומט פאָר אַ פאָרלעזונג פון ראַביי דר. אייברעהעמס א. ד. ט. „יידיש אָדער העברעאיש" און ער אַגיטירט די צוהערער פאַר העברעאיש און קעגן יידיש. דער רעפעראַט ווערט אָבער געהאַלטן אויף יידיש. דערביי אויך גיט ער אַ געהעריקן אָפּשניט די מענטשן פון „אנשי ברית", און שטרייכט אונטער, אַז ס'טאָר נישט געמאַכט ווערן קיין אונטערשייד צווישן „ענגלישע און פרעמדע יידן". אין דעם זין טרעט אויך אַרויס, אַ צווייט מאָל, ראַביי דענגלאָו. ביידע רעפערענטן קומען צום פּאַטעטישן אויספיר, אַז די עיקר־זאַך איז — לערנען ענגליש! צו יענער צייט געפינען מיר אַן אַנאָנס, וווּ דער קאָמיטעט דאַנקט דעם גרויסמוטיקן נדבן, מ. סלאַצקין, פאַר שענקען דער „קדימה"־ביבליאָטעק אַ ש"ס. פאַר געוויסע מיטגלידער אין יענע צייטן איז אַ ש"ס זיכער געווען וויכטיק, אָבער די „קדימה", אַלס אינסטיטוציע, האָט זיך גלייכצייטיק צוגעפּאַסט צו די ווונטשן פון דער מערהייט פון אירע מיטגלידער און אויך אין די שבתים געווען אָפן בייטאָג. („דזשואיש העראַלד" פון 16טן אויגוסט, 1912, זייט 296).

ביי דעם קליינעם דעמאָלטיקן יידישן קיבוץ אין מעלבורן ווערט די „קדימה" נישט בלויז אַ קולטור־צענטער, אַ קלוב, אַ ביבליאָטעק, נאָר אויך אַ היים. אָט איז אַ יידישער אַרבעטער פאַרוווּנדעט געוואָרן אין האַנט און איז במשך פון אַ פּאָר וואָכן





אומפעאיק צו דער אַרבעט. בעט ער פּראָסט־פּשוט די שליסלען פון דער „קדימה" (אויף 59 בערק סטריט), און ער פאַרברענגט זיינע פרייע וואָכן — איינשליסלעך שלאָפן — אין דער ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק („לייברערי") ווערט פאַרהעלטנישמעסיק זייער גוט באַזוכט: 125 לייענער דורכשניטלעך יעדע וואָך. צו דער ערשטער אַלגעמיינער יערלעכער באַריכט־פאַרזאַמלונג, דעם 26טן דעצעמבער, 1912, קומען שוין 200 מיטגלידער. דער ערשטער קאַסע באַריכט ווייזט 142/18/6 פונט הכנסה (דערונטער 47/13/2 פונט פון מיטגליד־אָפּצאָל און 74/1/6 פונט פון „דאָניישנס" — באַשטייערונגען) און 125/2/10 פונט אויסגאַבן. דאָס חודשלעכע דירה־געלט באַטרעפט 6 פונט מיט 10 שילינג. אין אַריינפיר־וואָרט צום יאָר־באַריכט פאַרענטפערט זיך דער קאָמיטעט, אַז דער עודף אין קאַסע וואָלט געווען אַ פיל גרעסערער, ווען דער מיטגליד־אָפּצאָל וואָלט בעסער איינגעפלאָסן...

אין יוני, 1912, האָט דער ערשטער עקזעקוטיוו רעזיגנירט (די מאָטיוון זענען אונז אומבאַקאַנט), ער איז אָבער צוריק אויסגעוויילט געוואָרן. (בלויז דער קאַסיר איז אַן אַנדערער — דר. מ. א. שאַליט). אויך אין קאָמיטעט זענען אין יוני פאָרגעקומען ענדערונגען, און דער קאָמיטעט, וואָס שטעלט זיך פאָר פאַר די מיטגלידער צו דער ערשטער באַריכט־פאַרזאַמלונג, באַשטייט פון: י. מאַלינסקי, ס. י. סלאַצקין, מ. זעלטנער, א. סאַלאָמאָנאָוו, ע. דזשעקסאָן, ל. בערנער, א. מאָץ, צ. בערמאַן, ר. ראָטבערג און ה. הוויזי.

דער פאָרזיצער פון דער ערשטער באַריכט־פאַרזאַמלונג, נאָכן אָפּגעבן דעם באַריכט און דאַנקענדיק מר. י. קראָנהיימער פאַר זיין שפּענדונג פון 15 פונט פאַר דער „קדימה" און מר. מ. זעלטנער פאַר זיין מתנה — אַ יידישע ענציקלאָפּעדיע אויף ענגליש, פאַרענדיקט זיין וואָרט מיט דער פעסטשטעלונג, אַז די „קדימה" האָט פאַר אַן אויפגאַבע: 1) פאַרשפּרייטן אַלגעמיינע בילדונג צווישן אירע מיטגלידער; 2) פלעגן די העברע־

אישע שפּראַך און 3) פאַרשטאַרקן די יידישע סאָלידאַריטעט. ס׳וועט אָבער זיין אינטערעסאַנט צו געבן געוויסע אויסצוגן פון דער דעבאַטע בעת דער ערשטער באַריכט־פאַרזאַמלונג:

„... נישט יידיש, נאָר ענגליש דאַרף זיין די אָפיציעלע „קדימה"־שפּראַך (ראַביי דענגלאָו).

„... מען פאַוואָריזירט אין „קדימה" אַ געוויסן קלאַס".

„... מען דאַרף שוין קלערן וועגן אַן אייגענעם בנין".

„... נישט לערנען ענגליש איז די אויפגאַבע. דערויף זענען דאָ ספּעציעלע קורסן. דער עיקר איז — העברעאיש. יידיש דאַרף בלויז ווערן טאָלערירט פאַרן עלטערן דור".

„... איך רעד אין ענגליש, ווייל נישט אַלע דאָ פאַרשטייען זשאַרגאָן. מיט מיין ענגליש־רעדן ברענג איך נוצן די נישט־פאַרשטייענדיקע".

„... מען דאַרף דאַנקען מר. א. לאַנדאַ, וועלכער — נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג — מאַכט פון די געקויפטע ברעטער מעבל פאַר דער „קדימה".

* * *

נאָך די וואַלן פון אַ נייעם קאָמיטעט גייט די „קדימה" אַריין אין צווייטן יאָר פון איר עקזיסטענץ. פאַררופנדיק זיך אויף דער דעבאַטע אין „קדימה", גיט דער „דזשואיש העראַלד" אַ לייט־אַרטיקל אונטערן קעפּל: „וועגן יידיש". דער שרייבער קומט צום אויספיר, אַז יידיש וועט זיכער אונטערגיין. אָבער ביז ווען־וואָס, רעקאָמענדירט ער איבערצוזעצן די גוטע ענגלישע ביכער אויף יידיש. אַ נאָטיץ באַווייזט זיך אין דער צייטונג: אין „קדימה" זענען אָנגעקומען שלום עליכמס ווערק אויף — העברעאיש.

אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון מר. מ. זעלטנער ווערן טיילווייז איינגעפירט די זונטיקדיקע אָוונט־פונקציעס, וועלכע זענען חעמאַלט באַקאַנט אונטערן נאָמען „ליטעראַרישע זונטיקס". וועגן חער ערשטער פונקציע געפינען מיר אַ נאָטיץ, אַז דר. מ. שאַליט האָט געלייענט אַן „אינסטראַקטיוו פּעיפּער" וועגן מי־





קראָבן, און קאַהאַנאָוויטש (א. נ. בר־כהן) און ברעסלער האָבן פאַרגעלייענט הומאָריסטישע זאַכן; צום סוף זענען געווען „רעפרעשמענטס" פאַר די באַזוכער. עס קומען שוין אויך פאָר רעפעראַטן אויף געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס. כאַראַקטעריסטיש איז אַ באַריכט וועגן אַ רעפעראַט וועגן פּאַקן־שטעלן. רעוו. באַדאָווסקי ברענגט ראיות, אַז שוין אין אוראַלטע צייטן האָבן די יידן געוווסט וועגן פּאַקן־שטעלן.

אין יענעם יאָר קומט אויך פאָר (דער צווייטער) פּורים־באַל אין „טורן־פאַריין־האָל" און ציט־צו — לויטן באַריכט — 500 באַזוכער.

אין יאָר־באַריכט ווערט איבערגעגעבן, אַז דער געוויילטער אויף דער יערלעכער באַריכט־פאַרזאַמלונג קאָמיטעט האָט רעזיגנירט און, אַז אין יאַנואַר, 1913, איז אויף אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער קאָמיטעט. דער באַריכט ווייזט אויף 16 פאַרלעזונגען, אין העברעאיש און ענגליש, און דערציילט וועגן ענגלישע קורסן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. אין דער דעבאַטע בעת דער באַריכט־פאַרזאַמלונג טרעט אַרויס מיט אַ שאַרפער רעדע דער געוועז. פּרעזידענט, ראַבלין, ווי ער זאָגט, אַז ער „איז מוחל די רעפעראַטן פאַר גוטע יידישע ביכער און וואָס־מער צייטונגען אויף יידיש".

דעם 15טן פעברואַר, 1914, קומט פאָר די „אָפיציעלע דערעפענונג פון נייעם לאָקאַל". דאָס איז די זעלבע דירה אויף 59 בערק סט., אָבער אַ פאַרגרעסערטע און אויפן ערשטן שטאָק, אַנשטאָט, ווי ביז איצט, אויפן צווייטן. די „קדימה" האָט שוין 2 גרויסע און 3 קלענערע צימערן, פאַרמאָגט שוין אַ ביסל אייגענע מעבל און אַ פּיאַנאָ (מתנה פון מ. זעלטנער). אויך אויף דער דאָזיקער חנוכת־הבית־פייערונג באַשטייט דער פּראָגראַם בלויז פון ענגליש און העברעאיש. מיס פ. באַרקמאַן האַלט אַ לעקציע וועגן דער „אַנטוויקלונג פון דער יידישער דראַמע" אויף ענגליש, און דער „דזשואיש העראַלד" מיינט, אַז דאָס וועט דערנענטערן די עמיגראַנטן צו שעקספּירן אין אָריגינאַל.

אין יולי, 1914, קומט פאָר אַן אָפּשייד־אָוונט לכבוד דעם

פּרעזידענט זעלטענערס אַפּרייזע קיין אייראָפּע (נישט צושטאַנדגעקומען צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה). אין שייכות דערמיט באַווייזט זיך אַ בריוו אין „דזשואיש העראַלד" מיט אַן אָנפרעגע, פאַרוואָס דער אָוונט איז פאַרגעקומען אין די „ניין טעג". ווען מ׳טאָר זיך נישט פאַרווילן? דערויף קומט אַ בריוו פון אַ צווייטן שרייבער, אין וועלכן ער פרעגט: פאַרוואָס זענען די כשרע בוטשער־שאָפּס אָפן אין די „ניין טעג"? עסן פלייש איז דאָך אין די ניין טעג פּונקט אַזוי פאַרווערט, ווי הערן מוזיק?

דער דריטער יאָר־באַריכט פון סעפּטעמבער, 1914, ווייזט אַ דעפיציט פון איבער 37 פונט. „די סיבה איז — זאָגט דער באַריכט — וואָס מ׳האָט צוגענומען אויף אַ קורצער צייט אַ געצאָלטן ביבליאָטעקאַר. מ׳האָט אים געמוזט אַנטזאָגן און די קאָמיטעט־מיטגלידער האָבן פרייוויליק אויסגעפירט די ביבליאָטעקאַר־פונקציעס".

פיל פון די מיטגלידער זענען שטאַרק אומצופרידן מיט דער „קדימה" צוליב איר נישט־פאָלקסטימלעכקייט. מען באַקלאָגט זיך, אַז די „קדימה" איז מער פאַר די ענגלישע יידן, ווי פאַר די ניי־צוגעקומענע; אַז מ׳גיט נישט קיין פאָרלעזונגען אויף יידיש; אַז די „קדימה" דאַרף זיך איבערטראָגן קיין קאַרלטאָן, ווו עס וווינען דער רוב פון די ניי־אָנגעקומענע יידן.

אַז די אַלע טענות האָבן געהאַט אַ פּעולה, איז צו זען דערפון, וואָס אין אָקטאָבער, 1915, קלייבט זיך איבער די „קדימה" פון 59 בערק סט. אויף 313 דראַמאָנד סטריט, ווו זי געפינט זיך ביז זי גייט אריין אין איר אייגענער היים, 840 לייגאָן סטריט, אין מערץ, 1933.

אין ערשטן מלחמה־יאָר אָרדנט איין די „קדימה" אַ קאָנצערט לטובת דעם יידיש־פּוילישן הילפס־פאָנד, וועלכער גיט אַ נעטאָ־ריווח פון 52 פונט.

אין די יאָרן 1915-1916 עפנט אויך אויף צום ערשטן מאָל אָפיציעל די „קדימה" איר מויל אויף יידיש. דאָס איז אַדאַנק דער איניציאַטיוו און איבערגעגעבענער מיטאַרבעט פון א. בר־





כהן (קאַהאַנאָוויטש), וועלכער האָט בכלל זייער גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער „קדימה" במשך פון אַ רייע יאָרן. צווישן פאַרשידענע פאָרלעזונג־טעמעס ווענן „די געזעצן פון געזונט", „בלוט־צירקולאַציע", „דערנערונגס־שטאָפן" א. אַ. וו. געפינען מיר שוין אויך רעפעראַטן איבער ש. פרוג, מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פרץ און אַנדערע יידישע שרייבער — אַלע רעפעראַטן געהאַלטן אין יידיש דורך א. בר־כהן.

א. נ. בר־כהן איז קרוב צוואַנציק יאָר טעטיק געווען אויפן קולטור־געביט אין מעלבורן, און די „קדימה" בפרט האָט אים פיל צו פאַרדאַנקען. בר־כהן איז געשטאָרבן דעם 19טן אָקטאָבער, 1934, אין עלטער פון 48 יאָר. דעם 28טן אָקטאָבער, 1934, האָט די „קדימה" צו זיין אָנדענקען איינגעאָרדנט אַ טרויער־אָוונט. זיין בילד הענגט אין לייען־זאַל פון „קדימה". זיין רייכע ביבליאָטעק פון קרוב טויזנט ביכער איז אָפּגעקויפט געוואָרן פון זיין אלמנה און איינגעגלידערט געוואָרן אין ביבליאָטעק פון „קדימה".

לויטן קאַסע־באַריכט פון 1916, זעען מיר אויך, אַז די טעטיקייט פון דער „קדימה" האָט זיך, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרברייטערטער טעטיקייט אויף יידיש, שטאַרק פאַרבעסערט. אין 1915 האָט די אַלגעמיינע הכנסה באַטראָפן סך־הכל 64 פונט; אין 1916, ווען די „קדימה" איז אין קאַרלטאָן און „רעדט אויף יידיש", באַטרעפט די הכנסה 211 פונט. חוץ דעם איז דורך דער „קדימה", אין 1916, געזאַמלט געוואָרן לטובת די מלחמה־געליטענע יידן אין רוסלאַנד די בכבודיקע סומע פון 950 פונט. די פּעריפעריע פון דער „קדימה" ווערט גרעסער, איר השפעה און אָנזען וואַקסן. דאָס געשעט אין די מלחמה־יאָרן, ווען קיין נייע עמיגראַנטן קומען לחלוטין נישט צו.

די קאָמיטעטן פון דער „קדימה" אין יענע יאָרן דערפילן און דערזעען ממש, וואָס עס האָט דער „קדימה" ביז דעמאָלט געפעלט: פאָלקסטימלעכקייט, יידיש לשון און מאָדערן־יידישע פאַראינטערעסירונגען. וואָלט די „קדימה" ווייטער געגאַנגען לויט דער דאָזיקער ליניע, וואָלט וואַרשיינלעך די צאָל פון אירע מיט־

גלידער געווען פילפאַכיק גרעסער; עס איז אָבער נישט אַזוי גע־
שען. אַנדערע ריכטונגען האָבן נישט געוואונטשן זיך אַ זאַ מין
יידישע אינסטיטוציע און האָבן זי פאַרקערעוועט אויף אַנדערע
וועגן, צוליב וואָס איר אינערלעכע אַנטוויקלונג און אויסערלע־
כער וווקס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רייע יאָרן.

במשך פון די יאָרן 1917-1919 געפינען מיר אַבסאָלוט
גאָרנישט אין „דזשואיש העראַלד" וועגן דער טעטיקייט פון ־ער
„קדימה". אפילו דער נאָמען אירער איז נישט דערמאָנט. אַזוי
ווי זי וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט. מיר באַזיצן אויך נישט קיין
דאָקומענטן, אָדער פּראָטאָקאָלן פון יענע יאָרן, וועלכע זאָלן ווי־
נישט־איז אילוסטרירן די דעמאָלטיקע טעטיקייט פון „קדימה".
קענען מיר בלויז אָננעמען, אַז די „קדימה" האָט במשך פון די
יאָרן געפירט אַ שוואַכע טעטיקייט און אויסגעהאַלטן ביזן
יאָר 1919.

דאָס יאָר 1919 איז אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון
דער „קדימה". בעת אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אין יאַנואַר,
1919, קומט אַ פאָרשלאַג פון מר. י. ש. מאַץ, אַז די „קדימה"
זאָל זיך פאַראייניקן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע
„התחיה". מיר ווייסן נישט, וואָס אויף דער פאַרזאַמלונג האָט
זיך אָפּגעטאָן. אונז איז בלויז באַקאַנט דער טרוקענער פאַקט,
אַז דער פאָרשלאַג איז אַדורך. פון 1919 ביז 1926 איז די „קדי־
מה" געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער „הסתדרות הציונית
„התחיה" בוויקטוריה". פון יענע פינף יאָר פאַרמאָגן מיר סך־
הכל איין באַריכט, פון 1923, אַרויסגעגעבן דורך דער „התחיה".
אין דעם דאָזיקן באַריכט ווערט בלויז איבערגעגעבן, אַז

> „פיל פריינט פון דער ביבליאָטעק (מרס. שער און בר־
> כהן, מיס האַלפערין און פאָזנער און די הערן שער, בריי־
> ליאַנט, האַלפערין און קאַזין) האָבן געבילדעט אַ ביבליאָ־
> טעק־סוב־קאָמיסיע, מיטן ציל אויפצולעבן דאָס גייסטיקע
> און געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דער געזעלשאַפט... זיי האָבן
> מיט גרויס דערפאָלג איינגעאָרדנט איייניקע ליטעראַרישע
> אוונטן אין דער „קדימה". עס זענען פאָרגעקומען פאָרלע־

זונגען מיט דעבאַטן. צייטונגען און זשורנאַלן פון פאַרשי־
דענע וועלט־טיילן קומען־אָן כסדר אין „קדימה"־זאַל, וועל־
כער איז אָפן פאַר די לייענער צוויי מאָל וועכנטלעך".

אין „דזשואיש העראַלד" געפינען מיר במשך פון די דאָ־
זיקע 5 יאָר קוים קאַרגע דערמאָנונגען וועגן אַ באַזונדערער „קדי־
מה"־טעטיקייט. אַלע באַריכטן אין דער צייטונג זענען פון דער
„התחיה" און דערציילן וועגן ריין־ציוניסטישע פונקציעס און
טעטיקייטן. אָט וואַרפט זיך אַדורך אַ מעלדונג, אין אויגוסט,
1921, אַז אין „קדימה" וועט פאָרקומען אַ דיסקוסיע־אָוונט אַ.
די ט. „צי קענען די יידן רעגירן איצט אין פאַלעסטינע ?" אין
1923 געפינען מיר אַ בריוו אין רעדאַקציע, געשריבן דורך אַ
מיטגליד פון דער ת"ת „בית־רבקה", מיט אַ טענה צו דער „קדי־
מה", הלמאי זי האָט איינגעאָרדנט אַ קאָנצערט אין די ספירה־
טעג ?! און נאָך אַ בריוו אין רעדאַקציע, געשריבן אין אַ זייער
אַגרעסיוון טאָן : די ביכער פון דער „קדימה"־ביבליאָטעק האָבן
צוויי הסרונות : זיי זענען אין י י ד י ש און זייער אינהאַלט
איז אַ ב אָ ל ש ע ו ו י ס ט י ש ע ר. אויב שוין יאָ יידישע ביי־
כער, זאָלן זיי זיין אין ענגליש און זאָלן באַהאַנדלען יידישע
„מעטערס".

פּרץ הירשביין האָט באַזוכט מעלבורן אין 1920־21. צוליב
דעם, וואָס די „קדימה" האָט נישט עקזיסטירט אַלס זעלבסט־
שטענדיקע אינסטיטוציע, ווערט זי נישט דערמאָנט אין זיינע
רייזע־באַשרייבונגען.

ווי מיר קענען אַרויסדרינגען פון אויבן געבראַכטן, איז
במשך פון די פינף יאָר, ווען די „קדימה" איז געווען אָנגעשלאָסן
אין דער „התחיה", דאָך פאָרגעקומען עפּעס אַ סעפּאַראַטע, אָדער
סעפּאַראַטיסטישע טעטיקייט פון דער „קדימה". אַ טעטיקייט
אַ שוואַכע, אָבער וועלכע איז געווען גענוג אַרויסצורופן בייז
בלוט ביי די „קדימה"־קעגנער. מיר ווייסן אויך וועגן סיסטע־
מאַטישע לעבעדיקע צייטונגען (אַנאָנסירט אין ענגליש „קדימה־
לייף מאַגאַזין"), אין יאָר 1925, געפירט דורך בר־כהן און זשאַ־





בינסקי. דאָסגלייכן איז באַוווּסט, אַז אין זעלביקן יאָר 1925 (ווען „קדימה" איז נאָך אַלץ געווען אַנגעשלאָסן אין „התחיה"), האָט ש. בריליאַנט אָנגעפירט מיט אַ „קדימה"־כאָר, וועלכער האָט געזונגען י י ד י ש ע לידער.

ווי מאָגער עס זאָלן נישט זיין אונזערע ידיעות וועגן דעם צוזאַמענלעבן פון דער „קדימה" מיט דער „התחיה" במשך פון די פינף יאָר, דאָך קענען מיר אָננעמען פאַר אַ זיכערע זאַך, אַז קיין גרויס שלום־בית האָט נישט געהערשט. דער זיווג איז ווייט נישט געווען קיין געפּאַסטער.

אין זיין אַרטיקל „פּרץ הירשביינס באַזוך אין אויסטראַליע 1920", שרייבט פריינט ישראל שער אין (ערשטן) אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך:

„... גראָד דעמאָלט, אין דעצעמבער 1920, איז דאָס יידישע קולטור־לעבן ביי אונז, צוליב עטלעכע סיבות, געווען זייער אָפּגעשטאַנען. אונזער קולטור־אינסטיטוציע — די „קדימה" — האָט עקזיסטירט, אָבער מער אויפן פּאַפּיר, ווי אין דער ווירקלעכקייט. די יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער זענען געווען צעריסן און פּאַסיוו".

פּרץ הירשביינס באַזוך איז אָן שום ספק געווען אַ וויכטיקער ווענד־פּונקט אין דער אַנטוויקלונג פון „קדימה". הירשביין האָט צו דעם פאַרוואָרפענעם און אָפּגעריסענעם ייִדישן קיבוץ געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס פון דעם גרויסן אויפשוווּנג אין דער יידישער קולטור־וועלט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דאָס הייפעלע יידישע קולטור־טוער אין מעלבורן איז פון דאָזיקן גרוס און אויך פון דער שיינער הירשביינישער פּערזענלעכקייט געוואָרן אויפגעמונטערט און דערוואַרעמט. דער מאָדערנער יידישער קולטור־באַוווסטזיין האָט אייניקע ווייז אָנגעהויבן באַהערשן די „קדימה"־טוער. די אַטמאָספערע און דער פּאַראייניקטער „קדימה"־„התחיה" האָט גענומען ווערן וואָס־אַמאָל מער און מער געשפּאַנט, ביז עס איז נאָך בערך 5 יאָר געקומען צו אַן אָפענעם ברוך. אין 1926 איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען





און פון יענעם יאָר אָן ביז היינטיקן טאָג עקזיסטירט די „קדימה" ווידער ווי אַ זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע.

*   *   *

מיר קענען די דרייסיק־יעריקע עקזיסטענץ פון דער „קדימה" איינטיילן אין פיר פעריאָדן: פון 1911, ווען זי איז אַנטשטאַנען און אַנטוויקלט זיך ביז 1919; פון 1919 ביז 1926, ווען זי איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער „התחיה"; פון 1926 ביז סוף 1932 ווידער ווי אַ זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע אויף 313 דראַמאָנד סט.; און פון 1933, ווען די „קדימה" גייט אַריבער אין איר אייגענעם בנין, ווו זי געפינט זיך ביז איצט.

אָפּשליסנדיק די ערשטע צוויי פעריאָדן פון דער „קדימה"־געשיכטע, גיבן מיר אָן די נעמען פון די פּרעזידענטן במשך פון דער דאָזיקער צייט. פון 1911 ביז 1919 זענען געווען פּרעזידענטן: יהושע ראָבלין, מאיר זעלטנער, שלמה ווין און בצלאל מאַרקאָוו. פון 1919 ביז 1926 (אונטער דער „התחיה"), זענען געווען פּרעזידענטן (אייגנטלעך פון דער „התחיה"): הירש באַראָוו, י. ש. מאַץ, שלמה אשכנזי, אברהם סטאָן, אַליק מייזל און שלמה ווערטהיים.

הגם זינט 1926 פירט די „קדימה" ווידער אַ זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ, דאָך האָבן מיר אויך פון יענעם פעריאָד זייער מאָגערע מאַטעריאַלן, און דערפאַר זענען מיר נישט אימשטאַנד צו געבן אַ קלאָר בילד וועגן איר דעמאָלטיקער טעטיקייט. די ערשטע עפנטלעכע מעלדונג וועגן דער באַנייטער „קדימה" געפינען מיר אין „דזשואיש העראָלד", אין אָקטאָבער, 1927. דאָרט ווערן אַלע ג ע ו ו ע ז ע נ ע פריינט פון דער „קדימה" געבעטן זיך צו פאַרשרייבן פאַר מיטגלידער און צו באַזוכן די „קדימה". וויטער איז פאַראַן אַ מעלדונג וועגן אַ געגרינדעטן שאַך־קרייז, וועלכער איז טעטיק יעדן מיטוואָך. אין 1928 הויבן זיך שוין אָן צו באַווייזן אָפטערע מעלדונגען וועגן דער „קדימה" און אַ טייל פון זיי — אין „דזשואיש העראָלד"! — אויך אין יידיש. אין יענעם יאָר האָט די ענגלישע צייטונג אַ פּרווו געמאַכט (אין

פיר נומערן)) איינצופירן אין איר אויסגאַבע אויך אַ יידישע און העברעאישע זייט. הגם עס געהער זיך נישט אָן מיט אונזער ענין, וועט עס אָבער זיין אינטערעסאַנט צו ציטירן אַ בריוו אין רעדאַקציע פון 28טן אויגוסט, 1928. (מיר לאָזן די אָרטאָגראַפיע נישט געענדערט):

„דער אוסטראַליען דזשואיש הערעלד.
געעהרטער רעדאַקטאָר!
אייערע אויפגאַבע איזט ווערטפאָל אין דערזעלבע צייט האָפפע איך דאָסס קירצלעך ווערדן די וועלכע נור פערשטעהען אונד לעזען יודיש זיין אין דער שטאַנד בלעטערען די ענגלישע טייל פון אייערע צייטונג יישר כח פיר אייערע נייע אונטערנעמונג
האָכאַכטונגס פאָל
(ראַביי) ישראל בראָדי"

די „קדימה" פירט ווידער איין אירע זונטיק־פונקציעס. יידישע שרייבער ווערן שוין אָפטע תושבים ביי דער אַלץ וואַקסנדיקער אוידיטאָריע. דאָסגלייכן פאַרלעזונגען וועגן דער וועלט־ליטעראַטור קומען שוין פאָר אין יידיש. אָט געפינען מיר אַ מעלדונג וועגן אַ רעפעראַט, וואָס ה. מינץ וועט געבן איבער ל. נ. טאָלסטאָי.

בעת אַ קאָמיטעט־זיצונג, אין סעפטעמבער, 1928, ווערט שוין היים דעבאַטירט די פראַגע וועגן צוציען די יוגנט אין „קדימה", וועגן אויסשרייבן מער יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, וועגן איבערציען זיך אין אַ גרעסערער דירה. אין דער צייט ווערט אויך געגרינדעט דער פרויען־קאָמיטעט („לײדיס אויגזילערי") ביי דער „קדימה".

אין די ווייטערדיקע פּראָטאָקאָלן געפינען מיר שוין בסדרדיקע באַשלוסן וועגן סיסטעמאַטישע זונטיק־פונקציעס, געווידמעט פאַרשידענע געביטן פון יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור, געשיכטע, קונסט א. אַ. וו. צווישן אַנדערע אויך אַ באַשלוס צו מאַכן אַ ספּעציעלן אָוונט (28.10.28), פאַרן באַקאַנטן יידישן אַרטיסט מאָריס מאָסקאָוויטש, וועלכער האָט דער־





מאָלט געוויילט אין מעלבורן. מיר געפינען שוין אויך אָפטע באַריכטן (געגעבן דורך ס. מענדעלסאָן), וועגן דער טעטיקייט פון אַ דראַמאַטישן קרייז ביי דער „קדימה". אין יענער צייט איז אויך טעטיק אַ כאָר אונטער דער לייטונג פון ס. בריליאַנט. אין די יאָרן 1928־1932 איז אימיגראַציע קיין אויסטראַליע געוואָרן אַביסל פאַרלייכטערט און אַ נייער טיפּ עמיגראַנטן איז צוביסלעך אָהערגעקומען. דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג און פאַרנעם פון דער „קדימה"־טעטיקייט און אויף דעם אינהאַלט פון אירע פונקציעס.

אין אָנהייב פון 1929 קומען פאָר אַ סעריע אָוונטן, געווידמעט מאָדערנע יידישע שרייבער, רעפעראַטן איבער אַקטועלע יידישע טעמעס און אָנדענק־אָוונטן, געווידמעט פאַרשטאָרבענע יידישע שרייבער און באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער, צווישן וועלכע אויך אַ טרויער־אָוונט, געווידמעט דעם אָנדענק פון נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם בונדישן פירער בייניש מיכאַלעוויטש.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז צו יענער צייט איז געווען ביבליאָטעקאַר פריינט ס. בורשטין, נאָך אַלס פרישער עמיגראַנט אין אויסטראַליע. ער האָט נישט געוואָלט אַקצעפּטירן דעם אָנבאָט פון דעם קאָמיטעט צו נעמען אַ געוויסן געהאַלט פאַר זיין אַרבעט און ער האָט זי בסדר אויסגעפירט אומגעצאָלט. דאָסגלייכן איז פריינט מ. שעכטער, אַ לאַנגע צייט געווען אומגעצאָלטער ביבליאָטעקאַר.

מיטן צופלוס פון נייע עמיגראַנטן, דער עיקר יידן פון פוילן, איז דער באַזוך אין „קדימה" שטאַרק אויסגעוואַקסן און גאַנץ אָפט איז דער „זאַל", אויף 313 דראַמאָנד סטריט, געווען צו קליין פאַרן גרויסן עולם. עס איז רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן פאַרשאַפן פאַר דער „קדימה" אַן אייגענעם בנין. אין די פּראָטאָקאָלן פון יענעם פעריאָד געפינען מיר שוין וואָס־אַמאָל אָפטערע באַריכטן אי וועגן דער גרינדונג, אי וועגן די ערשטע שריט פון דער בוי־קאָמיסיע. אין די פּראָטאָקאָלן געפינען מיר אויך אָפט ברייטערע דיסקוסיעס, לשבח ולגנאי, וועגן דער טעטיקייט פון דער דראַמאַטישער סעקציע ביי דער „קדימה".

דער נייער גייסט פון די „קדימה"־פונקציעס זאָל אילוסטרירט ווערן בלויז מיט איין פונקט פון אַ פּראָטאָקאָל פון יולי, 1929. פאָלגנדיקע פאָרלעזונגען, אין ציקלען, ווערן באַשטימט אויף די נאָענטע חדשים: 1) יידישע געשיכטע פון 19טן יאָרהונדערט (ראַביי ברוידי); 2) העברעאישע און יידישע ליטעראַטור (בר־כהן); 3) געזעצגעבונג (אַ. פּאַטקין) און 4) סאָציאַלע עקאָנאָמיע (ה. מינץ).

מען זוכט פּאַסיקע זאַלן אויסער דער „קדימה", ווו דער אַלץ וואַקסנדיקער עולם זאָל זיך קענען פאַרזאַמלען, אָבער מען טרעפט אָן אויף פאַרשידענע מניעות. ביז וואָס־ווען קומען דערווייל פאַרשלאָגן, אַז נישט־מיטגלידער זאָלן צו די זונטיק־פונקציעס נישט צוגעלאָזט ווערן צוליב מאַנגל אין פּלאַץ. עס ווערט אויך באַשלאָסן אָפּצודרוקן ספּעציעלע אַריינטריט־קאַרטן — אַלץ מיטן צוועק אויסצומיידן ענגשאַפט. אין מאַי, 1929, געפינען מיר אַן אַנאָנס פון דעמאָלטיקן פּרעזידענט, אהרן פּאַטקין, מכוח אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג וועגן בויען אַן אייגענעם בנין פאַר דער „קדימה". אויף אַ קאָמיטעט־זיצונג, אין דעצעמבער 1929, ווערט מיטגעטיילט, אַז מר. מ. גראָסבי איז מנדב טויזנט פונט פאַרן בוי־פאָנד מיטן צוועק צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, צילע גראָסבי. עס ווערט דעמאָלט באַשלאָסן אָנצורופן דעם גרויסן זאַל מיטן נאָמען „**צילע גראָסבי מעמאָריאַל האָל**". דער דאָזיקער אויפשריפט פיגורירט ביזן היינטיקן טאָג אויפן פאַסאַד פון גרויסן „קדימה"־בנין.

צו יענער צייט עקזיסטירט אויך ביי דער „קדימה" אַ שטענדיקער קינדער־כאָר, וועלכער טרעט אַרויס מיט גרויס דערפאָלג בעת פאַרשידענע עפנטלעכע פייערונגען. עס הייבן זיך אויך וואָס־אָפטער צו באַווייזן אין די פּראָטאָקאָלן באַריכטן פון דער נייגעגרינדעטער און ביז היינט עקזיסטירנדיקער יוגנט־סעקציע ביי דער „קדימה".

צו יענער צייט ווערט אויך אויסגעאַרבעט און דורך די רעגירונגס־אָרגאַנען אָפיציעל באַשטעטיקט די קאָנסטיטוציע פון דער „קדימה", וועלכע איז גילטיק ביזן היינטיקן טאָג.





דאָס יאָר 1930, הגם אין פינאַנסיעלער הינזיכט איז עס זייער אַ שווערס, איז עס אָבער אַ בלי־יאָר אין געזעלשאַפטלעך־קולטורעלער טעטיקייט. די פריינט: בר־כהן, בורשטין, הורוויץ, זשאַבינסקי און מינץ צייכענען זיך באַזונדער אויס מיט זייער איבערגעגעבענער טעטיקייט לטובת דער „קדימה" און די יערלעכע באַריכט־פאַרזאַמלונג דריקט זיי אויס ספּעציעלע אָנערקענונג.

דאָס יאָר 1931 שטייט אונטערן צייכן פון זוכן און שאַפן פאָנדן פאַרן בוי־פאָנד. טעאַטער־אונטערנעמונגען, קינאָ־פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן, באַשטייערונגען, זאַמלונגען, טאַנץ־אָוונטן — אַלץ איז קאָנצענטרירט אַרום דעם איינעם צוועק: שאַפן וואָס־מער געלט און וואָס־גיכער צוטרעטן צום בויען דעם אייגענעם „קדימה"־בנין. די יוגנט־סעקציע העלפט־מיט לויט אירע מעגלעכקייטן. ביי דער יוגנט־סעקציע איז דעמאָלט רייף דער געדאַנק, אָנצונעמען נישט בלויז רעזאָלוציעס, נאָר אויך קאָנקרעטע מיטלען, מיטן ציל אונטערצוברענגען די... פערד־געיעגן („רייסעס") אין מעלבורן.

אינמיטן אָבער פון דער אינטענסיווער אַרבעט צו שאַפן וואָס־מער פאָנדן פאַרן „קדימה"־בנין, גייט־אָן אין „אויסטראַלישער לעבן" אַ היציקע דעבאַטע וועגן די צילן און אויפגאַבן, און אויך וועגן די מעלות און חסרונות פון דער „קדימה". דער קאָמיטעט גיט אַן עפנטלעכע ווענדונג צו די נײַ־אָנגעקומענע אַריינצוטרעטן אין דער „קדימה". קומט איינער מיט אַן אַרטיקל, ווו ער ווייזט־אָן, אַז די „קדימה" פירט זיך לויט אַ שאַבלאָן. דער שרייבער רופט די „קדימה" אַרויסצוגיין פון די ד' אמות פון איינגעשלאָסנקייט, צו פאַרלאָזן די „סאָנגס", „עלאָקיושנס" און „לעקטשערס", און זיך מער צו פאַרבינדן מיט די ברייטע מאַסן. אַן אַנדערער שרייבער האָט טענות, פאַרוואָס די „קדימה" גייט נישט מיט מיט דער צייט און ביי איר איז נאָך אַלץ אַ פראַגע, צי יידיש איז אַ שפּראַך אָדער אַ זשאַרגאָן. דער שרייבער פרעגט אויך, הלמאַי אין די יידישע רעליגיעזע יום־טובים איז די „קדימה" געשלאָסן? (בעת אַמאָל איז זי געווען אָפן). אַן אַלט־

איינגעזעסענער תושב פון מעלבורן שטעלט פעסט, אַז „דער כּוח פון „קדימה"ס ביז איצטיקער עקזיסטענץ איז איר „טענדענצלאָזע" פּלאַטפאָרם. די „קדימה" איז אַן אומפּאַרטייאיש יידיש ווינקעלע אין אויסטראַליע און אַלע דאַרפן מיטווירקן צו איר אַנטוויקלונג". דאַן קומט ווידער אַן אַרטיקל, וווּ דער מחבר דערקלערט, אַז ער וויל אויך אַן אומפּאַרטייאישע „קדימה", אָבער זי מוז אָנערקענען איינמאָל פאַר אַלעמאָל יידיש אַלס יידישע שפּראַך.

די דיסקוסיע ווערט אָפּגעשלאָסן מיט אַ „גאַסטפריינטלעכן אווענט", וועלכן די „קדימה" אָרדנט איין אין מאַי, 1932, מיטן ציל „צו שאַפן מער פאַמיליאַרע באַציאונגען צווישן די מיטגלידער און אַריינציען נייע".

אין דער פּרעסע הויבן זיך אָן צו באַווייזן אַלץ אָפטער רשימות פון מנדבים פאַרן בוי-פאָנד. דער טערמין פון לייגן דעם גרונטשטיין דערנענטערט זיך, אָבער די „קדימה" גייט-אָן כּסדר מיט איר אייגנטלעכער אַרבעט: ביבליאָטעק און לייען-זאַל ווערן שטאַרק באַזוכט, זונטיק-פונקציעס קומען פאָר נאָרמאַל און דער דראַמאַטישער קרייז גיט איטלעכע פאַר חדשים אַ נייע אויפפירונג. יעדן חודש „דערשיינט" אויך דער לעבעדיקער „קדימה חודש זשורנאַל".

דעם 25טן סעפּטעמבער, 1932, קומט פאָר די פייערלעכע צערעמאָניע פון לייגן דעם ווינקלשטיין פאַר דער נייער געביידע פון „קדימה" אויף 840 ליגאָן סטריט. די פאָלגנדיקע איינלאַדונג איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן צו מיטגלידער און פריינט:

די יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"

313 דראַמאָנד סטריט, קאַרלטאָן.

12טן סעפּטעמבער, 1932.

ווערטער הער אָדער מאַדאַם,

זונטיק, דעם 25טן סעפּטעמבער, ד. י., וועט געשען אין מעלבורן אַ פּאַסירונג, וועלכע, מיר האָפן, זאָל זיך איינקריצן און בלייבן אין זכרון פון מעלבורנער יידנטום אַלס היסטאָרישע געשעעניש.





מיט 21 יאָר צוריק האָבן אַ הייפעלע ענטוזיאַסטן און בעלי-חלומות פאַרלייגט אַ ווינקל אויף דער יידישער גאַס, וועלכער האָט געזאָלט דינען אַלס דער מיטל-פונקט פון יידישן דענקען, פילן און שטרעבן. מיר זאָגן ענטוזיאַסטן און בעלי-חלומות, ווייל עס האָט זיך ווירקלעך געפאָדערט ענטוזיאַזם און אומדערמידלעכע עקשנות, אין יענער לאַנג-פאַרשוווּמענער עפּאָכע צו וועלן גרינדן דאָס וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט. אָבער זייער מוטיקער ווילן, געמישט מיט אידעאַלער באַלייכטונג, האָט זיי געשטאַרקט אין זייער ווונטש און זיי האָבן געגרינדעט זייער מיניאַטור-טעמפּל פון קולטורעלער, יידיש-קולטורעלער, נאַציאָנאַלער און ליטעראַרישער שאַפונג.

די יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה" אין דאַן געגרינדעט געוואָרן, באַגלייט פון איין זייט, פון דער זייט פון די גרינדער און זייערע מיטסימפּאַטיקער מיט ליבע און איבערגעגעבנהייט צו זייער אינסטיטוציע, און מיט חוזק און שפּאָט און פאַראַכטונג פון אַ צווייטע זייט, מצד די יעניקע, וועמען יידישע נאַציאָנאַל-קולטורעלע טעטיקייט איז געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן.

יענער פּעריאָד איז אַריבער, אַוועק אין היסטאָרישן אַרכיוו, און פאַר דער לאַנגער צייט פון איר עקזיסטענץ, איז „קדימה" דורכגעגאַנגען אַ ביטערן קאַמף פאַר איר לעבן און גדייען. עס האָט זיך געפאָדערט אַן אומערשעפּלעכע מאָס קוראַזש און אָפּפערווויליקייט מצד די, וועלכע זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון „קדימה" צו ברענגען איר צו דעם מאָמענט פון בויען אַן אייגענעם ווינקל, און מיט גרויס שמחה לאַדן מיר אייך איין. ווערטער פריינט אָדער פריינדין, צו קומען נעמען אָנטייל אין אונזער — אייער יום-טוב, זונטיק, דעם 25טן סעפּטעמבער ה. י., 3 אַזייגער נאָכמיטאָג, אויף 840 ליגאָן סטריט, נאָרט קאַרלטאָן, וווּ עס וועט געלייגט ווערן דער ווינקלשטיין פאַר דער היים, וווּ „קדימה" וועט דאַרפן פאָרזעצן ווייטער שפּינען דעם פאָדעם, וועלכער פאַרבינדט אונז אין אונזער אָפּגעריסנקייט מיט אַלץ דאָס, פון וועלכן מיר זענען אַרויסגעריסן געוואָרן, ווען מיר האָבן

אונזער יידישע סביבה פאַרלאָזן אין אונזערע געבורטס־לענדער. און מיט טיפער האָפנונג אויף אייער הילף אין דער צוקונפט אָנצוהאַלטן דעם יידישן גייסט אין אונזער פאַרפּוסטעוועטער גאַס און לאָזן גליען דעם פונק, וועלכער ברענגט דאָך ליכט אין אונזערע פאַרכמורעטע הערצער. מיט דער האָפנונג ערוואַרטן מיר אייך זונטיק, דעם 25טן סעפּטעמבער, אויף 840 לייגאָן סטריט, נאָרט קאַרלטאָן, ביי אונזער נאַציאָנאַלן יום־טוב.

מיט ברידערלעכן גרוס

זענען מיר אויפריכטיק אייער

ס. ווין, פּרעזידענט

מ. זאַכאַרין, סעקרעטאַרין

ש. מושין, געהילף־סעקרעטאַרין.

אין דער באַשטימטער דאַטע, דעם 25טן סעפּטעמבער, 1932, אַ זונטיק, איז פאָרגעקומען די פייערלעכע צערעמאָניע פון לייגן דעם גרונטשטיין פאַר דער נייער געביידע פון דער „קדימה" אויף 840 לייגאָן סטריט. דער דעמאָלטיקער וויצע־פּרעזידענט פון דער „קדימה", פּרייוואַט אייזיק הורוויץ, באַשרייבט נעגוי די דאָזיקע צערעמאָניע אין אַ גרעסערן אַרטיקל אין „אויסטראַליער לעבן" פון 30טן סעפּטעמבער, 1932. דער פּרעזידענט, ש. ווין, עפנט די פייערונג מיט אַ קורצער רעדע און בעט דאָן מר. בר־כהן פאָרצולייענען די כראָניק פון דער „קדימה"ס עקזיסטענץ. עס ווערן אויסגערעכנט די נעמען פון אַלע ביז איצטיקע פּרעזידענטן און פון אַמטירנדיקן קאָמיטעט. (די נעמען פון די „קדימה"־פּרעזידענטן, פון 1911 ביז 1919 און פון 1919 ביז 1926 (מיט דער „התחיה"), זענען שוין פריער דערמאָנט געוואָרן. דאָ לאָמיר צוגעבן, אַז פון 1926 ביז 1932 זענען געווען פּרעזידענטן: מר. שמחה בריליאַנט, מר. אהרן פּאַטקין, מרס. רייזל בריליאַנט און מר. שלמה ווין). א. הורוויץ לייענט דאָן פאַר אַ ספּעציעל געדיכט, געווידמעט דער „קדימה". מר. י. שער גיט איבער די זילבערנע קעלניע צו מר. מ. גראָסבי, וועלכער, נאָכן איינמויערן דעם גרונטשטיין, האַלט אַ קורצע רעדע, און פאַרענדיקט מיט די ווערטער: איך לייג דעם גרונטשטיין





פון דער „קדימה"־געביידע צום אָנדענק פון מיין פאַרשטאָרבענער פרוי ציליע גראָסבי.

אין אַ גרויסן לייווענטענעם געצעלט האָט דער פאַרזאַמלטער עולם פאַרבראַכט ביי געדעקטע טישן און אויסגעהערט רעדעס מעניני דיומא.

אהרן פּאַטקין האָט גערעדט וועגן דער נייער היים פאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור אין ווייטסטן און יינגסטן יידישן ישוב; ראַביי בראָדי האָט אין זיין באַגריסונג געהאַט אַ טענה, הלמאי ס'איז נישטאָ קיין רעליגיעזע צערעמאָניע בעת אזא התחלת הבנין. דערויף איז מר. ש. ווין אַרויס מיט אַן אָפענעם ענטפער־בריוו אין „אויסטראַליער לעבן", וווּ ער ווייזט־אָן אויפן וועלטלעכן כאַראַקטער פון דער „קדימה". ראַביי בראָדי גיט ווידער אַן ענטפער, ביז די היציקע דיסקוסיע ווערט איינגעשטילט און דערטרונקען אין די רשימות פון די מנדבים פאַרן „קדימה"־בוי־פאָנד. דאָס געלט איז אָבער באַשטימט אויסשליסלעך פאַרן בוי־פאָנד; די „קדימה" גופא, נאָך אויף דראַמאָנד סטריט, איז פאַרבאָדן אין חובות. און בעת די נייע געביידע פון דער „קדימה" בויט זיך, איז דער קאָמיטעט פאַרנומען מיט שאַפן געלט אָפּצוצאָלן חובות און דעקן וויי־נישט־איז די לויפנדיקע אויסגאַבן. ווען מען בלעטערט די דעמאָלטיקע פּראָטאָקאָלן, זעט מען, אַז די פינאַנס־ענינים האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן אויף די זיצונגען פון קאָמיטעט. די פינאַנס־פראַגן זענען געווים וויי־נישט־איז פּאָזיטיוו געלעזט געוואָרן. איר זעט דאָך... מיר דערמאָנען עס בלויז, כדי אונזער כראָניק זאָל זיין אַ פולקאָמענע. העמאָלט ווערן אויך צוליב די באַשלוסן וועגן נעמען אַ זילבערנע מטבע איינטריט־געלט אויף די זונטיק־אָוונט־פונקציעס און צו אַנגאַזשירן אַ שטענדיקן געצאָלטן איינקאַסענט.

די נאָרמאַלע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון דער „קדימה" גייט־אָן כסדר אין דער דאָזיקער צייט. די זונטיק־אָוונט־פונקציעס קומען פאָר רעגולער. דער באַזוך אין לייען־זאַל און ביבליאָטעק שטייגט. אין זיין אינערלעכער אַרבעט גרייט זיך דער

קאמיטעט צו דער וויכטיקער געשעעניש פון איבערציען זיך אין אן אייגענער און גרעסערער דירה. פארשידענע סוב־קאמיסיעס זענען כסדר טעטיק, דערונטער אויך א ספעציעלע קאמיסיע, וועלכע האט פאר איר אויפגאבע פעסטצושטעלן, וועלכע מעבל און זאכן קענען איבערגעטראגן ווערן אין דער נייער געביידע און וואס מ׳דארף צוקויפן. א באזונדערע קאמיסיע פארנעמט זיך מיט צוגרייטן און אוועקשטעלן די ערשטע פארשטעלונג אויף דער סצענע פון דער נייער „קדימה"־געביידע. די ערשטע פארשטעלונג ווערט באשלאסן זאל זיין הירשביינס „גרינע פעלדער".

דער דערעפענונגס־אוונט ווערט באשטימט אויף שבת אוונט, דעם 25טן מערץ, 1933. אויף א פריערדיקער קאמיטעט־זיצונג ווערט גענוי אויסגעארבעט דער פראגראם פון דער פייערונג. אויף דער זעלבער זיצונג ווערן אויך געווידמעט א פאר ווארעמע ווערטער דעם נאר־וואס פארשטארבענעם מארים רידינג, אן איבערגעגעבענעם פריינט פון דער „קדימה". זיינע פריינט האבן שפעטער, צו באערן זיין אנדענק, איינגעקויפט מעבל פארן לייענזאל און דארט אויפגעהאנגען א געדענק־טאוול.

די דערעפענונגס־צערעמאניע איז צוגעגאנגען לויט פאלגנדיקן סדר: דער פרעזידענט, מר. ש. ווין, רעדט וועגן דער באדייטונג און וועגן די אויפגאבן פון דער „קדימה". א גאלדענער שליסל ווערט איבערגעגעבן דעם מר. זעלטנער, וועלכער דערקלערט די געביידע פון דער „קדימה" — „אלס היים פאר דער יידישער קולטור אין אויסטראליע" — פאר געעפנט. ווייטער נעמט א ווארט מר. י. שער, וועלכער דערמאנט אין ווארעמע ווערטער די פארשטארבענע ציליע גראסבי און די פארשטארבענע פרעזידענטן פון דער „קדימה". די פארזאמלטע באערן מיט אויפשטיין דעם אנדענק פון די פארשטארבענע. מר. י. הורוויץ דאנקט דעם בוי־קאמיטעט פאר זיין ארבעט, וואס ווערט איצט געקרוינט מיט דערפאלג. די אייגנטלעכע פעסט־רעדע, מיט א ברייטן פראגראם פאר יידישער קולטור־ארבעט אין אויסטראליע, האלט פריינט אהרן פאטקין. נאך די רעדעס





קומט פאר אן אפיל צו באשטייערן זיך לטובת דעם בוי־פאנד.

פון פראטאקאל פון דער קאמיטעט־זיצונג ערב דער דערעפענונגס־פייערונג האלטן מיר פאר נויטיק צו דערמאנען א כאראקטעריסטישן פרט, וואס ביי די היינטיקע פארהעלטענישן אין „קדימה" וואלט ער אבסאלוט מער נישט מעגלעך געווען. אויף דער דאזיקער זיצונג האט מר. ש. בריליאנט אריינגעטראגן א פארשלאג, אז „דער גרעסטער טייל פון די רעדעס זאל געהאלטן ווערן אין יידיש, חוץ דער דערעפענונגס־רעדע פון פרעזידענט". דער פארשלאג איז אדורכגעפאלן.

אין „אויסטראליער לעבן" באווייזט זיך דאן א שארפער ארטיקל פון פ. גאלדהאר: „יידיש!". דער ארטיקל־שרייבער טרעט ארויס מיט א וויטאקלעכן און שארפן פראטעסט קעגן דעם, פארוואס יידיש, דאס יידישע מאמע־לשון, איז נישט געווען דער הויפט־מחותן בעת דער פייערונג. די דערעפענונגס־רעדע איז געהאלטן געווארן אין ענגליש, די באגריסונגען אין ענגליש, די איינלאדונגען זענען געדרוקט געווען אין ענגליש. א. הורוויץ ווידמעט אויך אן ארטיקל דער וויכטיקער געשעעניש פון אן אייגענער היים פאר דער „קדימה", און ער פארענדיקט מעלאנכאליש: „... לויטן וווקס פון דער יידישער באפעלקערונג יהי, איז „קדימה" געבליבן הינטערשטעליק, אבער מיר ווילן האפן..." א. א. וו.

איינציקע רעדנערס, וועלכע רעדן יידיש, הייבן־אן מיט אן אנטשולדיקונג פאר רעדן... יידיש. פאטקין הייבט־אן זיין רעדע: „אין קדימה איז נישטא קיין אנטשולדיקונג פאר רעדן יידיש, ווען אפילו א טייל פארשטייען נישט".

דער דעמאלטיקער פרעזידענט, ש. ווין, ענטפערט גאלדהארן אין אן ארטיקל, ווו ער פארטיידיקט די שטעלונג פון „יידישן אינהאלט אויף ענגליש". און „ווי שטעלט זיך פאר פריינט גאלדהאר די „קדימה" אין 20 יאר ארום? צי וועט מען נאך דארט רעדן יידיש?". דערויף קומט אן ענטפער פון פ. גאלדהאר אין דער פארם פון אן ארטיקלען־סעריע א. ד. ט.

„שפּראַך און קולטור". וואָס זייער אינהאַלט איז נאָך אַקטועל ביזן היינטיקן טאָג.

אַ העלפט כמעט פון די „אין 20 יאָר אַרום" זענען שוין אַדורך און — די „קדימה" רעדט וואָס־אַמאָל מער און וואָס־אַמאָל בעסער אויף יידיש. יידישע קולטור־אַרבעט א ו י ף י י ד י ש אין און דורך דער „קדימה" זענען שוין אַזוי זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז קיינעם חלומט זיך נישט אפילו וועגן פרעגן עפּעס אין דער הינזיכט. דאָס לעבן אַליין האָט געלעזט די פראַגע, נישט געקוקט אויף דער שטאַרק־באַגרענעצטער אימיגראַציע.

די ערשטע גרויסע פונקציע אין אייגענעם בנין, אַ טאַנץ־אָוונט, האָט געזאָלט פאָרקומען אָנהויב אַפּריל, 1933. די „קדימה" האָט אָבער נאָר־וואָס געהאַט אָנגענומען אַ שאַרפע פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן היטלערס רדיפות אויף יידן און אויף אַלע פרייהייטס־ליבנדיקע מענטשן. היטלער, אין זיינע „האָניג־הדשים" פון קומען צו דער מאַכט, האָט אָפיציעל גענומען ברענען „טריף־פּסולע" ביכער, איידער ער האָט „לעגאַל" גענומען מאָרדן „טריף־פּסולע" מענטשן. די „קדימה"־אינסטאַנצן באַשליסן דעמאָנסטראַטיוו אָפּצולייגן דעם טערמין פון דער ערשטער פונקציע. פּרעסע, פלוג־בלעטלעך און ראַדיאָ ווערן דערצו אויסגענוצט. יעדע האַלבע שעה — אין געוויסע טעג — מעלדן די מעלבורנער ראַדיאָ־סטאַציעס, אַז אַלס פּראָטעסט קעגן היטלערס קומען צו דער מאַכט, רופט־אָפּ די „קדימה" דעם טערמין פון איר ערשטער פונקציע. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע האָט געמאַכט אַ געהעריקן איינדרוק און שטאַרק געהויבן דעם אָנזען פון דער „קדימה" אויך צווישן דער נישט־יידישער באַפעלקערונג.

אויף אַן עקסטראַ־זיצונג פון קאָמיטעט ווערט איינשטימיק אָנגענומען אַ באַשלוס צו שאַפן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע מיט דער אויפגאַבע צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן די רדיפות אויף יידן אין דייטשלאַנד. זאָל דאָ באַטאָנט ווערן, אַז די „קדימה" איז געווען די א י י נ צ י ק ע יידישע אינסטיטוציע אין אויסטראַליע אָנצונעמען און דורכצופירן אַזאַ באַשלוס.

די יום־טובדיקע וואָכן פאַרגייען גיך. מען איז שוין אין





אייגענעם בנין, שוין צוגעוווינט זיך — און דאָס גאָר גיך! — צו דער נייער, בעסערער, באַקוועמערער און שענערער היים; דאַרף מען די נייע היים אויפהאַלטן און אָנגיין מיט דער אַרבעט. עס רוקן זיך ווידער אַרויס אין פאָדערגרונט די צוויי הויפּט־פּראָבלעמען: פינאַנסן און זונטיק־פונקציעס.

די „קדימה" איז פאַרעקשנט, אַז זי געפינט אויס די מאַטעריעלע מיטלען אויפצוהאַלטן איר — איצט מיט פיל גרעסערע קאָסטן פאַרבונדענע — עקזיסטענץ, אַז זי זוכט אויס אַלעמאָל נייע מענטשן און פאָרמען פאַר אירע פאַרשידנאַרטיקע פונקציעס אויף אַרום 40 זונטיק־אָוונט־פונקציעס במשך פון יאָר. די אומגעהויער שווערע אויפגאַבע, נעמענדיק אין אַכט די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן פאַר יידישער קולטור־אַרבעט אין אויסטראַליע, פירט אויס די „קדימה" אָן איבעררייס ביזן היינטיקן טאָג. די זונטיקדיקע אָוונט־פונקציעס פון דער „קדימה" זענען שוין געוואָרן אַ טראַדיציע אין יידישן לעבן אין מעלבורן. מאַכט זיך אַמאָל אַ זונטיק אָן אַ „קדימה"־פונקציע, פילט דער מעלבורנער יידישער עולם, אַז עפּעס איז ביי אים אַוועקגענומען געוואָרן.

עס האָט זיך שוין אַזוי איינגעשטעלט, אַז די „קדימה" אַרבעט־אויס אַ פּלאַן פאַר אירע זונטיק־פונקציעס אויף אַ פּאָר חדשים פאָראויס. די דאָזיקע אָרגאַניזירטע קולטור־טעטיקייט ציט זיך טאַקע זינט 1933, ווען מ'איז אַריבער אין אייגענעם בנין.

כדי צו דעקן דעם אַלץ־וואַקסנדיקן בודזשעט, ווערן אָפּט איינגעאָרדנט פּריוואַטע צוזאַמענקונפטן („פּאַרטיס"), וווּ ס'ווערן געזאַמלט געלטער פאַר „קדימה"־צוועקן, דער עיקר פאַרן פאָנד צו פאַרגרעסערן די ביבליאָטעק. עס ווערן אויך אָרגאַניזירט סיסטעמאַטישע ביכער־זאַמלונגען פאַר דער „קדימה"־ביבליאָטעק.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די „קדימה" געפינט שוין איר אייגענעם שטייגער פון לעבן און אויפהאַלטן זיך, ווערן די פּאַרטיס פאַרביטן מיט יערלעכע בעלער און מיטן „באַזאַר",

וועלכע זענען עד היום וויכטיקע הכנסה־פּאָזיציעס אין „קדימה"ס בודזשעט.

* * *

מלך חאַוויטש אין אויסטראַליע — דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט אין אויסטראַליע. אויך אין דאָזיקן קאַפּיטל האָט די „קדימה" אַריינגעשריבן אירע שיינע זייטלעך. די „קדימה" איז רעפּרעזענטירט אין אויפנעם־קאָמיטעט פאַר מלך ראַוויטש, וועלכער קומט צום ערשטן מאָל קיין אויסטראַליע אַלס שליח פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פוילן („ייש"אָ"). אין יוני, 1933, ווערט מ. חאַוויטש פעראייינלעך באַגריסט אויף אַ קאָמיטעט־זיצונג. דעם 9טן יולי האַלט שוין ראַוויטש זיין ערשטע פאָרלעזונג אין „קדימה". ווייטער־צו טרעפן מיר שוין גאַנץ אָפט ראַוויטשן אויף דער „קדימה"־טריבונע און איז אויך במשך פון איין קאַדענץ אַ מיטגליד אין קאָמיטעט פון „קדימה". דער „קדימה"־זאַל ווערט כסדר אָפּגעגעבן פאַר פאַרזאַמלונגען און פונקציעס לטובת דער ייש"אָ, און דער קלענערער „קדימה"־זאַל (דער אַ. ג. „אויבערשטער זאַל"), ווערט סיסטעמאַטיש אָפּגעגעבן פאַר ראַוויטשעס וועכנטלעכע לעקציעס איבער יידישער ליטעראַטור. אויך נאָך ראַוויטשעס פאַרלאָזן אויסטראַליע ווערן די פּערמאַנענטע וועכנטלעכע לעקציעס פאָרגעזעצט, ביז זיי ווערן אָפיציעל איבערגענומען, מיט דריי יאָר צוריק, דורכן „פאָלקס־אוניווערסיטעט" ביי דער געזעלשאַפט „פריינט פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן". דער „פאָלקס־אוניווערסיטעט" גייט־אָן מיט די וועכנטלעכע לעקציעס אין „קדימה"־לאָקאַל ביזן היינטיקן טאָג.

דאָזעלביקע באַציט זיך אויך צו דער דורך מ. ראַוויטש געגרינדעטער און איצט פיין־אַנטוויקלטער „יידישער שול אין מעלבורן". די לאָקאַלן פון דער „קדימה" און פון דערנעבנדיקן הויז, וואָס באַלאַנגט אויך צו דער „קדימה", ווערן אייניקע מאָל אין וואָך אָפּגעגעבן פאַר דער יידישער שול, אין וועלכער עס לערנען שוין איבער הונדערט קינדער.

# די „קדימה"

אין אונזער איבערבליק איבער דער אנטוויקלונג פון דער „קדימה", שטעלן מיר זיך נישט אפ אויף פרטים. באַגרענעצנדיק זיך אַליין, קענען מיר העריבער אויך נישט אָפּשטעלן זיך אויף אַלע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וואָס זענען אַדורכגעפירט געוואָרן דורך און מיט דער מיטהילף פון דער „קדימה". (טייל־ווייז באַהאַנדלט דאָס פרינגט ה. ראָזנשטיין אין זיין אַרטיקל וועגן יידיש טעאַטער אין מעלבורן). מיר ווילן דאָ בלויז באַטאָנען, אַז אַדאַנק דער „קדימה", אַלס יידישע קולטור־אינסטיטוציע, און אַדאַנק נישט ווייניקער דער אייגענער טעאַטער־בינע, וואָס די „קדימה" האָט אויסגעבויט אין איר נייעם בנין, צוזאַמען מיט דעקאָראַציעס, ליכט־עפעקטן־אינסטאַלאַציעס און דגל., האָט די „קדימה" פיל מיטגעהאָלפן אַוועקצושטעלן דאָס יידישע טעאַטער אין מעלבורן אויף אַ געהעריקן קינסטלערישן ניוואָ. אונטער אַזאַ אָדער אַן אַנדערן נאָמען האָט שטענדיק עקזיסטירט ביי דער „קדימה" אַ טעאַטער־אַמאַטאָרן־קרייז, און עס איז נישט געווען קיין איינציקער יידישער אַרטיסט, וואָס האָט געוויילט אין מעלבורן, וואָס איז נישט אויפגעטראָטן אויף דער „קדימה"־בינע. חוץ איינאַקטערס, אינסצעניזאַציעס און דגל., זענען אויף דער „קדימה"־בינע געשטעלט געוואָרן צענדליקער שטיק פון בעסערן יידישן און אַלגעמיינעם טעאַטער־רעפּערטואַר. עס האָט זיך שוין אויך איינגעשטעלט אַ חוק, אַז וועלכער קרייז אָדער געזעלשאַפט עס זאָל נישט שטעלן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין סיטי, ווערט די זעלבע פאָרשטעלונג מיט איניקע וואָכן שפּעטער איבערגעחזרט אויף דער סצענע פון „קדימה".

* * *

איבערקלייבנדיק זיך אין אייגענעם בנין, הויבט־אָן די „קדימה" צו גיין מיט איר אייגענעם, דורך איר אַליין אויסגעבאַנטן, וועג און ווערט דאָס, וואָס זי איז אייגנטלעך באַרופן צו זיין — נישט אַ, נאָר די קולטור־אינסטיטוציע פון יידישן קיבוץ אין מעלבורן. זינט 1933 האָט די „קדימה" אַ שטענדיקן





יידישן סעקרעטאַר (דער ערשטער איז געווען פּריינט אייזיק הדרווין), און די אינערלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, דאָס גלייכן די אויסערלעכע פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט גייט איבער סיסטעמאַטיש אויף יידיש. די יאָר־באַריכטן דערשיינען שוין אויך אין יידיש — אַ נייעס אין אויסטראַליע. די „קדימה" פאַרבינדט זיך שטופּנווייז מיט אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס אין מעלבורן און רעאַגירט וואָס־אַמאָל מער אויף אַלגעמיינע געשעענישן אין לעבן פון אויסטראַליע און אויף געשעענישן אין יידישן לעבן איבער דער גאָרער וועלט.

די „קדימה" באַטייליקט זיך אין די „הונדערט־יעריקע פייערונגען" (Centenary Celebration) פון דער גרינדונג פון מעלבורן; די „קדימה" שיקט רעפּרעזענטאַנטן צו פאַרשיידענע קאָנפערענצן, וועלכע האָבן פאַר אַ ציל צו פאַרטיידיקן שלום און דעמאָקראַטיע; די „קדימה" באַשליסט צו שטיצן דעם „קאָמיטעט פון הילף פאַר שפּאַניע"; די „קדימה" פּראָטעסטירט קעגן ציוניסטישן טראַנספער־אָפּמאַך מיט נאַצי־דייטשלאַנד; פּראָטעסטירט קעגן די פאַרפאָלגונגען פון דער יידישער שפּראַך אין פּאַלעסטינע; באַציט זיך אין דער זעלביקער צייט פּאָזיטיוו צו דער יידישער אויפבוי־אַרבעט אין פּאַלעסטינע; פייערט דעם צען־יעריקן יובל פון ירושלימער אוניווערסיטעט און באַשליסט אים אונטערצושטיצן; גיט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג לטובת דעם „יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן", און העלפט־מיט מיט ספּעציעלע אָוונטן דעם „אָרט", „אָזע" און „ייווא" אין זייער טעטיקייט אין אויסטראַליע.

די „קדימה" באַטייליקט זיך אין באָיקאָט־קאָמיטעט, וואָס האָט פאַר אַן אויפגאַבע נישט צו דערלאָזן באַציען סחורות פון היטלער־דייטשלאַנד; פירט אַדורך אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן די נירענבערגער אַנטי־יידישע געזעצן; אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן די פּאָגראָמען אויף יידן אין פּוילן.

„קדימה" אָרדנט־איין אַ קבלת־פּנים פאַר יעדער פּראָמינענטער יידישער פּערזענלעכקייט, וואָס קומט קיין מעלבורן,





אויב נאָר די עפנטלעכע טעטיקייט פון באַטרעפנדיקן גאַסט לאָזט זיך אויף אַ וואָסער־נישט־איז אופן צונויפּפּאָרן מיט אַ געוויסן געביט פון דער „קדימה"־טעטיקייט אָדער שטרעבונגען. אַ מאָל הייסט אַזאַ גאַסט פּרץ הירשביין, מלך ראַוויטש; אַ מאָל עגאָן ע. קיש אָדער בן־אַבי, פון פּאַלעסטינע. יידישע אַרטיסטן, געזעלשאַפטלעכע טוער, שרייבער, צי זיי קומען קיין מעלבורן אַלס געסט, צי זיי קומען כדי אויף שטענדיק זיך דאָ צו באַזעצן — זיי אַלע ווערן אָפיציעל אויפגענומען דורך דער „קדימה" און עס ווערט זיי געגעבן די מעגלעכקייט אַנצובינדן אַ דירעקטן, לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן מעלבורנער יידישן עולם דורך דער „קדימה"־טריבונע. די „קדימה" אַרבעט־אויס פּערמיטס (אַריינפאָר־דערלויבנישן) פאַר געוויסע יידישע קולטור־טוער און אַרטיסטן, צוו. אַ. אויך פאַר דער קינסטלערין רחל האָלצער.

חוץ די סיסטעמאַטישע רעפעראַטן, יעדן זונטיק אָוונט, אויף פאַרשידענע טעמעס, רעאַגירט אויך די „קדימה" אויף יעדער וויכטיקער געשעעניש און האַטע אין יידישן קולטור־לעבן. יאָרלעך ווערן געהעריק געפייערט די יאָרצייטן פון די גרויסע יידישע שרייבער, עס ווערן איינגעאָרדנט אַקאַדעמיעס צו זייערע יובילעאומס און ספּעציעלע אָוונטן ווערן געגעבן אין שייכות מיטן דערשיינען פון אַ וויכטיק יידיש בוך.

די „קדימה" האָט אירע פאַרדינסטן אויפן געביט פון מיטהעלפן צום דערשיינען פון יידישע ביכער אין אויסטראַליע. צום דערשיינען פון ערשטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך (דורך מלך ראַוויטש), אָרדנט איין די „קדימה" אַ ספּעציעלן אָוונט און העלפט מיט זיין פאַרשפּרייטונג. פאַרן און נאָכן דערשיינען פון „דערציילונגען פון אויסטראַליע" פון פּנחס גאָלדהאַר און „דאָס נייע הויז" פון הערץ בערגנער, קומען פאָר אין „קדימה" אָוונטן, געווידמעט די דאָזיקע געשעענישן. די הכנסה פון די אָוונטן ווערט איבערגעגעבן די מחברים.

בכלל, פון דער צייט אָן, ווי די „קדימה" גייט אַריבער אין איר אייגענעם בנין, ווערט זי דער צענטער פון יידישן קולטור־

לעבן אין מעלבורן. די צאָל יידישע ביכער אין ביבליאָטעק האַלטן אין איין שטייגן, אַלע יידישע צייטונגען — אויף וויפיל זיי קענען נאָר דערגרייכן קיין אויסטראַליע — געפינען זיך אין לייענזאַל פון „קדימה". סיסטעמאַטישע פאָרלעזונגען אויף יידיש קומען פאָר כמעט יעדע וואָך, און די פאָרלעזונגען שטייען אויף אַ הויכן ניוואָ.

די „קדימה" באַמיט זיך אַריינצוציען די ניי־אַנגעקומענע עמיגראַנטן. ביזן באַקומען אַרבעט ווערן זיי בכלל באַפרייט פון צאָלן מיטגליד־אָפּצאָל, און במשך פון ערשטן יאָר מיטגלידערשאַפט צאָלן זיי בלויז אַ העלפט פון נאָרמאַלן מיטגליד־אָפּצאָל.

אַפילו די נייע געביידע מיט איר זאַל פאַר קרוב 500 באַזוכער, ווייזט זיך אָפּטמאָל אַרויס שוין פאַר צו־קליין. „קדימה" קויפט־אָפּ די צוויי שכנותדיקע הייזער און ס'ווערט ווידער געשאַפן אַ נייער בוי־פאָנד צו פאַרברייטערן דעם „קדימה"־בנין. ליידער האָט מען דערווייל געמוזט רעזיגנירן פון דעם פראָיעקט צוליב דער מלחמה.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווידמעט די „קדימה" פיל פון איר טעטיקייט פאַר מלחמה־הילף. אירע לאָקאַלן ווערן אויך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַרבעטן פאַרן זעלבן צוועק. פון די יערלעכע „קדימה"־באַזאַרן געניסן דער אויסטראַלישער רויטער קרייץ, דער רויטער מגן־דוד, און די אויסטראַלישע זעלנער מעבר לים קריגן צוגעשיקט ספּעציעלע פּעקלעך („העמפּערס"). נאָך יוני, 1941, ווערט די מלחמה־הילפס־טעטיקייט אויסגעברייטערט אויך אויפן סאָוויעטישן רויטן קרייץ, פאַר וועלכן ס'ווערן אַדורכגעפירט באַזונדערע אַפּילן און אונטערנעמונגען.

מיטן אָנקומען פון אַמעריקאַנער מיליטער — צווישן וועלכע ס'זענען פאַראַן פיל יידן — קיין אויסטראַליע, אָרדנט איין די „קדימה", דער עיקר דורך איר יוגנט־סעקציע, אונטערהאַלטונגס־אָוונטן און פאַרוויילונגען פאַר די דאָזיקע חשובע געסט און העלפט זיי מיט זיך אויסצולעבן אין אַ יידישער סביבה.





מיט גרויס צופרידנקייט איז אויפגענומען געוואָרן דער גאַר־לעצטער באַשלוס, אָפּצוגעבן פון צייט צו צייט די „קדימה" אויף זונטיק־אָוונט־פונקציעס אויך פאַר אַנדערע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס. די „קדימה" איז אַזוי אַרום נאָך מער געוואָרן דאָס אָרט, וווּ ס'קומען צום אויסדרוק די פאַרשידנסטע מיינונגען און שטרעמונגען אין היגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

* * *

פאַרן פאַרענדיקן אונזער איבערזיכט, האַלטן מיר פאַר נויטיק אָנצוגעבן די נעמען פון די פּרעזידענטן פון „קדימה", פון 1932 אָן. פריינט שלמה ווין איז געווען פּרעזידענט פון 1932 ביז ענדע 1933; פריינט ישראל שער — פון 1934 ביז ענדע 1936; פריינט שמחה בריליאַנט — 1937; פריינט ראובן דאָטבערג — 1938; פריינט י. אָקנאַ, ל.ל.ב. — 1939, און פריינט אַליק מאַשין פון 1940 ביז 1942. פון אָקטאָבער 1942 איז פּרעזידענט פריינט לעאָ פינק.

* * *

ביים דערשיינען פון צווייטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך איז שוין די „קדימה" אַריין אין 32טן יאָר פון איר עקזיסטענץ. די סיבות פון פאַרשפּעטיקטן דערשיינען פון אַלמאַנאַך דאַרף מען זוכן אין דער... אויסטראַלישער אַרמיי, וועלכע האָט צוגענומען פאַר זיך די ייִנגערע אַרבעטס־הענט פון דער דרוקעריי.

אָבער אין 1941 צי 1942 — דער אַלמאַנאַך דערשיינט אין דער בעסטער בלי־צייט פון דער „קדימה". די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון „קדימה'ס" עקזיסטענץ קענען באַטראַכט ווערן ווי צוגרייט־עטאַפּן פאַרן דריטן צענדליק, ווען די „קדימה" האָט שוין געפונען איר אייגענעם וועג, אויף וועלכן זי גייט באַרגאַרויף מיט אייגענע כוחות.

די „קדימה" האָט דערצויגן אַ דור. אויב יידישע טעאַטערפאָרשטעלונגען ווערן באַזוכט דורך 800 — 1.000 מענטשן; אויב יידישע פאָרלעזונגען ציען־צו אַן עולם פון דורכשניטלעך

300 פּערזאָן, און טיילמאָל דערגרייכט דער באַזוך צו 600 פּערזאָן; אויב אַ לעבעדיקע „פאָלקסצייטונג" האָט איבער 300 צוהערער אין דורכשניט; אויב אין אַ פּראָסטן וואָכעדיקן אָוונט קומען אויף די לעקציעס פון „פאָלקס־אוניווערסיטעט" ס י ס ט ע מ אַ ט י ש אַן אָנזיכטיקע צאָל באַזוכער; אויב אַ מאָנאַש־הויז (ציוניסטן) האָט אירע שטענדיקע באַזוכער, און ציוניסטישע אימפּרעזעס אָדער אַן „עונג שבת" ציען־צו אַנדערע הונדערטער און הונדערטער מיטגלידער און סימפּאַטיקער; אויב ס'איז דאָ אין מעלבורן אַ יידישע שול און איר אַפּוטראָפּוס די געז. „יידישע שול אין מעלבורן" האָט אַ גרויסע מיטגלידערשאַפט; אויב אין מעלבורן דערשיינט אַ וועכנטלעכע יידישע צייטונג („די אויסטראַלישע יידישע ניַיעס"), וועלכע האָט ביי צוויי טויזנט לייענער בלויז אין מעלבורן; אויב אויף דער יידישער גאַס אין מעלבורן פירן אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט פאַרשידענע פּאַרטייען און גרופּירונגען; אויב — בכלל, אין מעלבורן פּולסירט שטאַרק דער דופק פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע יידישע ישובים אין אויסטראַליע, — איז עס אין אַ גרויסער מאָס, אויב נישט אין דער ערשטער, צו פאַרדאַנקען דער איבער דרייסיק־יעריקער עקזיסטענץ פון דער „קדימה"!

אַחוץ דעם ווילן און עקשנות פון אירע איבערגעגעבענע אָנפירערס און אויפהאַלטערס, מיטן פּאַטענטירטן צונאָמען „די קדימהוועס", האָט די „קדימה" אין אַ גרויסער מאָס אויך צו פאַרדאַנקען איר ביז איצטיקער עקזיסטענץ — א י ר א ו מ פּ אַ ר ט י י א י ש ק י י ט. מיר באַנוצן דאָ דאָס וואָרט אין זיין בעסערן זין. פאַרשטייערס פון די סאַמע קעגנזעצלעכע ריכטונגען איז געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן אין „קדימה". די „קדימה" איז און ווערט וואָס־אַמאָל מער די באמת־פרייע טריבונע פאַרן יידישן וואָרט אין מעלבורן.

די „קדימה" ציילט איצט ביי 600 מיטגלידער און האָט אַ פּעריפעריע פון איבער צוויי טויזנט יידן, וועלכע באַטראַכטן זי פאַר דעם צענטער פון היגן יידישן קולטור־לעבן. מיר האָפן, אַז ווען דער בלוטיקער מלחמה־קאַשמאַר וועט





זיך פאַרענדיקן מיטן נצחון פון גערעכטיקייט און אמתדיקער פרייהייט, וועט דעמאָלט די „קדימה" זיכער זיין אַ חשובער באַשטאַנדטייל אין דער גרויסער נעץ פון יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע וועלן צוריק אויפבליען איבער אַלע לענדער, ווו יידן וווינען.